# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן

פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

מכון טעמו וראו

גילוי רצון ה' למעשה

• גיליון לט - ויקהל פקודי - החודש תש"פ •


## ותכל כל עבודת אוהל מועד

בסייעתא דשמיא שטייען מיר ביים סוף פון חומש שמות ביי די פרשיות ויקהל פקודי, אין פרשת ויקהל פקודי ווערט צוזאמגענומען די גאנצע נושא פון 'עשיית המשכן' מרישא ועד גמירא, פון אנהייבן צוזאמנעמען די נדבות הלב פון אלע יודן ביז'ן עס אויפשטעלן, מיט די השראת השכינה שבו.

### שכינה במעשה ידינו

מיר וועלן פרובירן צונעמען א מורא'דיגע יסוד פון די צוויי פרשיות צוזאמען, ס'טוהט זיך דא אין די פרשיות, די פאבריצירן די אלע כלים, די יריעות, וכו' וכו' וכו' אלע פרטים, און דאס אויפשטעלן, און ביים אויפשטעלן איז דא וואס משה רבינו האט זיי געזאגט 'יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם, ויהי נועם ה' אלקינו עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו', ס'איז למעשה א זאך וואס נעמט אונז זייער זייער שטארק ארום, דא ווערט ארויסגעגעבן אויפן אמת'ן צורה ווי אזוי א איד דארף לעבן אין יעדע זאך ביז די עשייה, און וואס איז די תוצאה נאך וואס ער האט געמאכט די עשייה.

### לשמור ולעשות

אונז זענען צוגעוואוינט, די הייליגע בעל שם טוב האט אונז אויסגעלערנט אז יעדע זאך וואס מ'זעהט דארף אונז עפעס האבן אויסגעלערנט, ס'פאסירט גארנישט אליין, און ס'איז א בת קול צו דיר, די זעלבע זאך איז דא א יסוד אין פרקי אבות פרק ז' משנה ד' אז א מענטש לערנט, לומד על מנת לעשות איז ער זוכה ללמוד וללמד לשמור ולעשות, כל שמעשיו מרובה מחכמתו חכמתו מתקיימת, ס'דארף צוקומען ביז מקום העשייה, דאס איז די טייטש א מענטש קען לערנען און משיג זיין אסאך זאכן, אבער טאמער ער ברענגט דאס נישט אראפ למעשה פעלט דאס אין איהם, און כדי צוצוקומען צו דעם למעשה, על מנת לעשות, דארף ער האבן א 'רצון', און א איד וואס האט באמת א 'רצון' צו א געוויסע זאך, איז ער מתפלל אויף די זאך ער זאל דאס זוכה זיין צו מקיים זיין.

### מצרפה למעשה

עד כדי כך אז אפילו כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה, איז ווייל ער 'וויל', ער וואלט געוואלט יעצט מאכן א עולה, און ער איז עוסק בפרשת עולה, כאילו הקריב עולה, ער וואלט געוואלט יעצט מקריב זיין א עולה, און ער איז מתפלל ער זאל זוכה זיין, ווערן זיינע מעשים, ער ברענגט עס אראפ אויף א מקום פון 'עשייה', איז א בחינה פון א מענטש מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה, ווייל ער קען יעצט נישט מאכן די מעשה פון די מעשה העולה אבער ער 'וויל', ער האט די מחשבה טובה, ער האט די רצון צו דאס מקיים זיין.

### וואס ווערט לאחר המעשה

אבער מ'דארף וויסן און פארשטיין אז אין דעם נקודה, וואס די גאנצע כלל ישראל שטייט און יעדער איינער געבט נדבת המשכן און מ'בויעט, ליגט שוין בשעת דעם בויען א נקודה אז ס'איז געבויעט אויף אזא אופן וואס מ'גייט דאס צונעמען אויכעט, איז לאמיר טראכטן א מינוט, מ'וועט בויען און ס'וועט זיין א מורא'דיגע השראת השכינה, און וואס וועט זיין ווען מ'וועט זיך ציען, מ'וועט דארפן גיין ווייטער, מ'וועט דארפן זיין א בחינת הולך, פארלירט מען די אלע מדריגות?, אונז האבן דאך נישט יעצט די דרגות פון השראת השכינה, פונקט ווי ווען די משכן שטייט, און אף על פי כן, ס'נעמט נישט אראפ פון די גרויסקייט, ווייל וויבאלד אונז האבן געטוהן די מאקסימום, און מיר האבן געטון אלץ וואס האט געדארפט צוקומען צו די עשייה, מיט דעם מאכט מען די עשייה,

לאמיר נעמען א משל, ער עסט די מצה, ער שאקלט דעם לולב, אפילו נאכן שאקלען לולב און די האסט שוין יוצא געווען, וואס איז יעצט? ס'האט זיך גע'ענדיגט די עשייה, באלד וועט מען אנהויבן גיין, דער מענטש וויל וויסן וואס גייט זיין נאך די עשייה, וואס פאסירט ווען ס'איז דא א הסתלקות פון דעם גרויסן אור, איך בין שוין יעצט נישט אין די עשייה, די משכן איז צוזאמגעלייגט, מ'פארט פון איין פלאץ צום צווייטן, און נאכמער, ווען מ'וועט אריינגיין אין ארץ ישראל, און ס'וועט זיין נוב, גבעון, וכו' וכו', צום סוף וועט זיין בנין בית המקדש, עס וועט נגנז ווערן די גאנצע משכן, ס'דא א נייע סארט השראת השכינה, א אנדערע סארט בחינה, א אנדערע סארט נקודה, איז וואס געשעהט מיט די עשיה פון ביז אהער?.

### על מנת לעשות

אבער א איד דארף וויסן, און קוקן ריכטיג, ווייל אלעס וואס ער זעהט, אלץ וואס פאסירט, אלץ איז צו איהם לערנען, און די לערנען איז על מנת לעשות, אמאל איז די עשייה נאר א נקודת האמונה, אמאל איז די עשייה די נקודת מוסר שבו, אמאל איז די עשייה א מעשה אויף למעשה צו לערנען, די עשייה איז זיך מתרגם יעדע זאך לפי דעם ענין פון די זאך, אמאל איז דא טאקע א מעשה חסד וואס ער דארף גיין טוהן, אמאל איז דא נאר א דיבור, אמאל איז דא א תפילה, יעדע מאל לפי דעם ענין און די זמן וואס דאס קומט אראפ אין די עולם העשייה, וואס ער פירט אויס די מטרה וואס די אייבישטער האט איהם צוגעפירט אין די אין די מינוט, אין די אין די זאך, אמאל איז דאס מדות טובות, ער זאל האבן 'געדולד', און וועגן דעם איז די גאנצע עשייה.

### לעשות נחת רוח

קומט אויס, אז די עליות מיט די ירידות, איז א חלק אין די גאנצע בילד, יעצט ווען מ'האט אויפגעשטעלט די משכן, זאגט משה רבינו פאר כלל ישראל ויהי נועם ה' אלקינו עלינו ומעשה ידינו וכו', ויהי נועם דאס איז אזא תענוג וואס מחיר וועלן זוכה זיין, ווען אונז וועלן טוהן די גאנצע זאך צו האבן השראת השכינה, די תענוג רוחני אז דער אייבערשטער זאל קומען צו אייך, מ'וועט דאס רופן אזוי ווי אונז זאלן זוכה זיין צו שפירן לעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו, און דער נחת רוח פון הקב"ה - נועם ה' אלקינו עלינו זאל קומען שורה זיין אויף אונז, די הייליגע רבי ר' אלימלך זי"ע זאגט, א מענטש ווען ער חזר'ט און ער לעבט אין די נקודה פון לעשות נחת רוח,

באקומט ער טאקע א גרויסע הארה, ער לעבט אין די נחת רוח פון דעם אייבערשטן.

אבער וואס טוהט זיך ווען מ'צונעמט א זאך? אונז האבן א יסוד, א מורא'דיגע זאך - מצוה גוררת מצוה, ווי אזוי ארבעט דאס, איך האב געשאקלט לולב, און איך האב שוין יעצט נישט די מצוות לולב, זיכער די מצוה איז נצחיות, אבער די הארה, איך קען נישט איבער עסן 'מצה', טאמער איך האב שוין געגעסן א כזית מצה, איז די מצוה האב איך גע'ענדיגט, ווייל נישט יעדע כזית איז א פרישע מצוה, [לויט א טייל איז אפשר יא דא נאך א מצוה סתם], איז וואס פאסירט טאקע נאך די מצוה?

### 'רשימה דקדושה'

עס איז דא א מורא'דיגע יסוד, ס'רופט זיך, ס'בלייבט א 'רשימה', א איד ווען ער טוהט א מצוה, אדער ווען ס'איז דא א אור, אפילו ווען ס'איז שוין דא א הסתלקות פון דעם אור, ווען ס'איז שוין געווארן אוועק גענומען, בלייבט נאך אלץ א 'זכר' פון דעם, אזוי ווי א מענטש ווען ער דרייט זיך אין א צימער, אפילו ער גייט ארויס פון צימער בלייבט זיינע לופט, ס'בלייבט איבער אין דעם צימער כל מיני זאכן אז די מענטש איז דא געווען, ווי מיר טרעפן דאס נאך אסאך מער אין חז"ל אז ער האט געזאגט, איך בין אריבער מקום שהתפללו אבותי ולא התפללתי, דער מקום וואס ער האט מתפלל געווען, אפילו ס'איז שוין לאנג נישטא אבותיו, אבער דער מקום איז נתקדש געווארן, דער פלאץ האט באקומען א קדושה, און עס בלייבט איבער דארט א מורא'דיגע רשימה און א מורא'דיגע כח, און א מורא'דיגע זאך, דא האט א איד געטוהן א מצוה, און ח"ו איך וויל נישט זאגן פארקערט, אבער ביי א מצוה בלייבט א מורא'דיגע אור, און א מורא'דיגע זאך אויף דעם פלאץ.

### אשר קדשנו במצותיו

די זעלבע זאך איז אויך אין די מענטש אליין, די מענטש איז אויכט אזא סארט מקום, וואס אויף איהם בלייבט אויך א רשימה, ער האט מקיים געווען די מצוה, אפילו ער האט שוין נישט יעצט די מדריגה פון די מצוה, אשר קדשנו במצותיו, און יעצט האט ער שוין נישט די מצוות, אבער ס'בלייבט אין איהם א מורא'דיגע רשימה, און די כח בלייבט אין איהם אויף שפעטער, און די כח איז אויכעט גוררת מצוה ער זאל זיך נאכאמאל אויפהייבן, איז ממילא דא אויך, מ'האט טאקע צונומען די משכן, את המשכן שעשה משה די גאנצע פערציג יאר, מ'האט עס אריינגענומען אין ארץ ישראל דורך יהושע, און מ'נוצט דאס ווייטער, און בשעת מ'שטעלט דאס אויף, איז דאס אין דעם כח וואס איז געבליבן פון משה רבינו, ווייל ס'בלייבט די אלע כוחות, ווי ער האט טאקע מתפלל געווען ויהי נועם ה' אלקינו עלינו וכו' ומעשה ידינו כוננהו, אז אלעמאל וועט עס איהם באגלייטן.

### בקרובי אקדש

וואס קומט אויס למעשה, אז א מענטש דארף וויסן, און מ'זעהט דאס אויף א מורא'דיגע אופן במאמר המוסגר אז טאקע אין דעם יום הקמת המשכן, וואס איז געווען א מורא'דיגע טאג, די א' ניסן, איז אויך געווען א מעשה פון א בחינה פון בקרובי אקדש, אז מ'האט געזעהן טאמער איינער האט נישט געמאכט די עשייה ווי ס'דארף צו זיין איז כביכול הקב"ה האט באוויזן אז ס'איז געווען דארט א בחינת עונש, ס'איז טאקע גרויס געווארן דעם אייבערשטן'ס נאמען מיט דעם אז די עשייה דארף קלאפן כרצונו פון הקב"ה ס'זאל זיין די גאנצע השראה בשלימות, און וועגן דעם איז אויך דא אין פרשת במדבר די גאנצע סדר פון פירוק המשכן, א גאנצע סדר מיט א גאנצע עבודה פון די לוים מיט א גרויסע עבודה פון דאס צונעמען, איז וואס? ווערט אויס השראת השכינה? ניין! יעצט איז דא די רשימה, און באגלייט די כח פון וואס די אייבערשטער זאגט 'צונעם'.

### עליות און ירידות

א מענטש איז געבויעט אלעמאל פון עליות און ירידות, א איד איז געבויעט פון עליות און ירידות, ער דארף אלעמאל ממשיך זיין אז ער זאל טוהן די מערסטע וואס ער קען, אראפ ברענגען אין עולם העשייה כביכול הקב"ה מיט זיינע מעשים טובים, מעשיו מרובים מחכמתו, נאך א מעשה טוב, און נאך א מעשה טוב, דאס וועט ברענגען השראת השכינה אלעמאל אויף איהם, די נועם ה' וועט זיין אויף איהם, ער ברענגט אראפ א ליכטיגקייט אויף די וועלט, אויף זיך און אויף די גאנצע וועלט, און אפילו ווען ער האט שוין גע'ענדיגט די מצוה, ער איז שוין ארויס פון די זאך בלייבט די נועם ה' אויף נצחי וואס דאס באגלייט איהם ווייטער, וועגן דעם, א מענטש קען האבן מורא'דיגע הארות, ער זעהט א זאך, ער וועט מורא'דיג נתעורר ווערן, ער וועט לערנען אלע כוונות פון לולב, אדער אלע כוונות פון מצה, אבער טאמער ער וועט דאס נישט אראפ ברענגען ביי די אכילת מצה, אדער אז מ'וועט צוגרייטן א משכן, אלץ אלץ מיט אלע כוונות מיט בצלאל, און ס'וועט נישט קומען די כח פון משה רבינו און עס אויפשטעלן, מ'וועט דאס נישט אראפ ברענגען אין למעשה איז ווערט א מצב פון חכמתו מרובה ממעשיו - אין חכמתו מתקיימת, ס'האט נישט קיין ווערד,

### סוף מעשה במחשבה תחילה

אבער א איד וואס ער גרייט זיך צו צו א פסח און ער איז מקיים די גאנצע רשימה פון מצוות פון דעם יו"ט מיט אלעס, אדער ער גרייט זיך צו צו א שבת און ער איז דאס מקיים, די 'לעשות' את השבת, די 'טוהן', די 'עשייה', דאס וועט ברענגען די אלע גוטע אורות מיט אלע גוטע זאכן.

די אייבישטער זאל אונז העלפן, מיר זאלן זיך משתדל זיין אלעמאל אריינשיינען דעם אייבישטן אין אלע נקודות וואס אונז זעהן און הערן און לעבן, זעהן דעם באשעפער דארט, און אראפ ברענגען די השראת השכינה, און די מעשים טובים אונזערע אין אונזער עולם העשייה

## שבת החודש / חודש , לשון התחדשות

### כח ההתחדשות

בסייעתא דשמיא מיר שטייען שבת החודש, שבת מברכים ניסן, מ'וועט פרובירן אביסל צונעמען דעם ענין פון די זמן אין וועלכע מיר שטייען יעצט, אין פסוק שטייט 'החודש הזה "לכם"', ס'איז ידוע אז אויף צו קובע זיין ראש חודש, איז דער כח איבערגעגעבן געווארן פאר די חכמים, מ'וועט עס רופן נאך מער - אז צו קובע זיין די כח ה'התחדשות' אויף די וועלט איז איבערגעגעבן געווארן אין די הענט פון די די חכמים.

מיר ווילן אביסל צונעמען די נקודה פון 'התחדשות', אונז ווייסן אז אלע חסידישע ספרים קאכן אז א איד דארף קענען האבן א כח ההתחדשות יעדע מינוט אין זיין לעבן, מ'רופט דאס טויזנט מאל א טאג תשובה טוהן, טויזנט מאל א טאג קענען האבן א התחדשות, ווי קען מען אנקומען צו דעם?

וועט מען צונעמען קודם די נקודה וואס הייסט 'חדש', שפעטער וועט מען גיין צו וואס הייסט כח ההתחדשות ביי א איד, ווי אזוי קען ער האבן די כח ההתחדשות.

### חדש - נישט דוקא ניי

די ערשטע זאך דארף מען וויסן, אז די מושג 'חדש' איז ביי אונז די מושג - א 'נייע זאך', אבער ס'איז נישט אמת, א אלטע זאך קען אויך הייסן 'חדש', למשל ס'דא א הלכה אין שולחן ערוך אז א מענטש קויפט פון א צווייטן א בגד וואס יענער איז דאס שוין געגאנגען און ביי מיר איז דאס חדש, דארף איך מאכן שהחינו, דאס זעלביגע ביי די 'לבנה' די התחדשות הלבנה, די לבנה איז די זעלבע לבנה, און ס'באקומט אור נאכאנאנד פון די צווייטע זייט, פאר אונז ווערט נתגלה א נייע לבנה, א בחינה פון א נייע לבנה, ווייל ס'איז א

נייע אור, ס'איז געווארן אויס און ס'ווערט צוריק, הייסט עס שוין 'חדש'.

מיר טרעפן א פסוק אין די תורה, 'ויקם מלך חדש על מצרים', רש"י ברענגט אראפ די מחלוקת פון רב ושמואל, איינער זאגט קלאר ניין ס'איז נישט געווען חדש ממש ניין, נאר ווייל ס'איז געווען נתחדשו גזירותיו הייסט עס שוין אויכעט חדש, מיר טרעפן ביי א הלכה אין די ניין טעג למשל, א מענטש וואשט אויס א בגד איז דאס א בחינת 'חדש', ס'האט א התחדשות, ס'איז געווארן ריין, און צו עס אנטוהן אין די ניין טעג קענסטו נישט ווייל ס'איז א בחינת 'חדש', חדש מיינט נישט נאר אז ס'מוז דא זיין ממש א נייע מציאות, חדש איז די טייטש - א נקודת התחדשות.

## חדש האט מיטן מצב

די נקודת התחדשות רירט אן אין זייער אסאך סארטן זאכן, אבער דאס איז קודם די דוגמא אז דאס הייסט 'חדש', קומט אויס, מ'וועט דאס מסכם זיין די ערשטע נקודה, אז חדש האט מיטן מענטש, מיטן מצב, ס'רופט זיך דאס 'ביחס', אין דעם אין דעם אופן הייסט דאס א חדש, נאכמער, איך קויף א נייע כלי אין געשעפט, אין געשעפט ליגט עס שוין למעשה צוואנציג יאר, ס'איז שוין עלטער ווי די מענטש וואס האט עס געקויפט, און ס'איז א כלי חדש, מ'האט עס נישט גענוצט קען עס הייסן 'חדש'.

## בריה חדשה

יעצט כדי דאס מער אראפ ברענגען למעשה, לאמיר נוצן למשל דעם ענין פון תשובה טוהן, א איד טוהט תשובה ווערט ער א בריה חדשה, ער ווערט 'חדש', ער איז געווארן א נייע מענטש, דארטן קען מען זאגן ער איז טאקע געווארן אנדערש, וואס הייסט, ער איז בפועל געווארן באנייט, ער האט ביז יעצט געטוהן די מעשים, און פון יעצט טוהט ער נייע מעשים, ביז יעצט האט ער געהייסן דעם נאמען, מ'מאכט איהם א שינוי השם איז ער א נייע מענטש, לגבי דעם נאמען איז ער א נייע מענטש, לגבי זיינע מעשים איז ער א נייע מענטש, לגבי זיינע קבלות איז ער א נייע מענטש.

יעצט וועט מען אריבער גיין צו א צווייטע נקודה, וואס הייסט דאס התחדשות - נישט אין א נייע כלי, א איד וויל האבן א התחדשות, ווי אזוי קען ער ווערן באנייט? איז אונז וויסן אז יעדע נייע טאג הייסט, 'חדשים לבקרים רבה אמונתיך', אונז זאגן אינדערפרי 'מודה אני לפניך מלך חי וקים שהחזרת בי נשמתי בחמלה, **רבה אמונתיך**', די ווארט 'רבה אמונתיך' קומט פון דעם לשון הפסוק חדשים לבקרים רבה אמונתיך.

## חדשים לבקרים

מ'וועט זיך מתבונן זיין, ביי א בהמה - ביי א בעל חי איז ריכטיג ס'איז געווארן א נייע טאג, אבער זיינע עסן איז אלע טעג די זעלבע, יעצט איז שבת, יעצט איז יו"ט, ער ווייסט נישט וואס איז שבת, יו"ט, אפילו א גוי וואס ער וועט קומען פון א פלאץ וואס ס'איז נישט דא דארט קיין געלערנטע, ער קען נישט נומער'ן, ס'דא א חלק גוים וואס זיי זענען 'גארנישט', זיי זענען פונקט ווי בעלי חיים, איז טאקע ס'איז א נייע טאג, די זון איז ארויסגעקומען, אבער די אלע טעג זענען די זעלבע, די קליידער זענען די זעלבע, די עסן איז די זעלבע, ער האט גארנישט, ער איז א בעל חי, ער איז א בהמה. פארוואס האבן אונז יא די התחדשות אין די טעג? מכח 'האמונה'! די רבה אמונתיך.

## פרישע כוחות

ס'איז ידוע, דאכט זיך מיר פון ר' פינחס קאריצער שטייט דאס, אז אפילו די וואסער שלאפט, אלעס שלאפט, פארוואס? ווייל ווען מ'שלאפט באקומט מען א מורא'דיגע כח, נייע כוחות, וואס איז די כוחות? דאס קומט פון אמונה די נייע כוחות, און ער איז דאס מסביר, מיט זייער א געשמאקע הסבר, זאגט ער ווען א מענטש איז אויף, ווען א זאך איז אויף, האט ער א כוחי ועוצם ידי במדה מסוימת, ווייל ער פירט, ער טוהט זאכן, אבער ווען א מענטש שלאפט ווערט ער א בחינת 'אין', ער איז יעצט גארנישט שולט, איז וואס יא? יעצט איז די אמונה! איז אזוי ווי מ'שטעקט אין א מאשין וואס האט א באטארי, מ'דארף אנפילן די באטארי, מ'פלאגט דאס איין אין דעם 'שורש', מ'פלאגט דאס איין אין א פלאץ וואס ער באקומט ענערדשי, ער באקומט נייע כוחות, און מיט דעם ווערט ער אנגעפילט, דאכט זיך מיר אז דאס שטייט אויך פון ר' פינחס קאריצער, אז ווען א מענטש שלאפט, ווען די וואסער שלאפט, די בריאה שלאפט, באקומען זיי דאס, אט די כוחות, וואס איז דאס, רבה אמונתיך, די נקודת האמונה.

## רבה אמונתיך

מיט דעם וועט מען אויכעט פארשטיין, די גוי קומט און פרעגט וואס איז דאס 'שבת', וואס איז א חילוק די עסן צו די עסן? נאר ווייל אונז גלייבן אין די שבת, אונז גלייבן אין דעם יו"ט, מיט אונזער גלייבן ווערט טאקע אנדערש די עסן, אודאי אונז טוהן אהן אנדערע בגדים און ווי די הלכה זאגט אז יו"ט זאל מען האבן נאך א בעסערע בגד, אבער די אלע בגדים דאס איז א חלק פון א 'התחדשות', אבער די אמת'ע נקודת ההתחדשות איז די 'אמונה', און דאס ברענגט צו צו די גאנצע נקודת ההתחדשות.

ממילא וועט מען אויכעט פארשטיין, דאס וואס א מענטש האט ליב נייעס, איך רעד נישט די נקודה פון נייעס וואס מענטשן האבן ליב, מ'וועט א מינוט ארויסגיין פון די ענין וואס מ'רעדט דא, נארמאל אין די נייעס איז נאר בלוט מיט זאכן פון חרבונות דאס איז די גרויסע קעפלער, און די הצלחות איז בדרך כלל די קליינע נייעס, אבער בכלל פארוואס האט א מענטש ליב התחדשות, ווייל ס'דא אזא זאך וואס רופט זיך 'אלטקייט' - 'ישן' - 'אלט', א מענטש איז צוגעוואוינט, יָשֵׁן מיט יָשָׁן איז די זעלבע זאך, ער שלאפט און דאס איז פאר'אלטע'ט איז ווייטער פארשלאפן, ער וויל פרישקייט, ער וויל חיות, ער וויל אויפגעוועקטקייט, איז יעדע זאך וואס איז נישט אין דעם דרך, יעדע זאך וואס גייט ארויס פון דעם שטייגער הייסט ביי איהם א התחדשות און ער באקומט חיות, ווייל ער זוכט ניי'קייטן.

## נקודת האמונה

יעצט וועט מען זאגן פאר מענטשן, איך האב יא א שטייגער, שבת איז יעדע זיבן טעג, עסן עסט ער יעדן טאג, וואס א חילוק די עסן צו די עסן, אבער נאכדעם וואס מ'האט מסביר געווען אז ס'דא די נקודה וואס רופט זיך נקודת האמונה, וועט מען פארשטיין אז ווען א מענטש גלייבט איז ער פריש, ער גלייבט אין די סיבה באקומט ער א מורא'דיגע התחדשות, פארוואס, ווייל ער גלייבט ער טוהט יעצט עפעס אויף, ס'ווערט דא יעצט א נייע זאך, אבער אף על פי כן וועט ער פרעגן, נא, איך האב נעכטן געדאווענט דעם גאנצן דאווענען, כ'האב נעכטן געגעסן א פרישטאג, ער וועט ווייטער צוגעוואוינט, איז ווי קען ער ווייטער באקומען א נקודה ההתחדשות און די אמונה אליין.

## התחדשות בתפילה

וועט מען אריינגיין אין די טיפקייט פון די אמונה וועט מען וויסן, אז טאקע איינער וואס ער דאווענט און ער ווייסט נישט אז יעדן טאג בויעט ער א נייע קומה שלימה, און די היינטיגע טאג ארבעט איז נישט די נעכטיגע טאג, וועט ער אויך ווערן צוגעוואוינט, און ער וועט זיך אויך ווייטער זיך מוטשענען, וועגן דעם טאקע שטייט תפילה צריכין חיזוק בכל יום, און אפילו פרנסה צריכה חיזוק בכל יום, ווייל ער ווייסט ער דארף אויפטוהן און ס'גייט נישט אזוי גרינג, אבער א איד וואס האט אין זיך די אמונה, די יסוד פון די אמונה, אז דאס רופט זיך איך בוי יעצט א קומה שלימה, איז די נעכטיגע קרבן איז נישט די היינטיגע קרבן, די נעכטיגע תמיד איז נישט די היינטיגע תמיד, די נעכטיגע דאווענען איז נישט די היינטיגע דאווענען, קען ער האבן די כח

ההתחדשות, די כח האמונה, פון האבן חיות אין די דאווענען, האבן חיות אין די מצוה.

אבער, יעצט וועט מען צוריק גיין צו די ערשטע נקודה וואס מ'האט גערעדט אז א איד זאל זיך קענען מחדש זיין יעדע מינוט אין זיין לעבן, ווי קען מען יעדע מינוט האבן א התחדשות, דאס איז איינער פון די שווערסטע זאכן, די תירוץ איז, טאקע וועגן דעם רעדט מען, 'החודש הזה לכם' איר האט א כח, יעדע מינוט, די אמונה פון די מינוט, וואס איז די פראבלעם, איך ארבעט למשל כך וכך שעות, איך דאווען, איך האב מיין סיסטעם פון יעדן טאג, זעקס שטיי איך אויף, זיבן דאווען איך, אכט בין איך ביי די ארבעט, צען עסט ער, ער האט זיין סדר,

## החודש הזה 'לכם'

האט מען געזאגט קודם אז דער מענטש, דאס איז א קומה שלימה, אבער מ'שלאפט דאך איין אין דעם קומה שלימה אויכעט, אבער החודש הזה 'לכם' איר האט א התחדשות יעדע מינוט, נעמען זאכן וואס קוקט אויס אלט, דער וואס שטייט פון אינדרויסן זעהט ער א דבר ישן, און טאקע אריינגיין אין דעם מקום אין זיך צוריק טשעפען, אזוי ווי ווען מ'שלאפט האטער א נקודת ביטול צום אייבישטן, דו קענסט יעצט גארנישט טוהן, איז אה, דו פילסט דיר יעצט אן מיט אמונה, דו פארלעשט זיך אין דיין מקום פון די סתם ארבעט, און דו וועקסט אויף יעצט די נקודת האמונה, איך ארבעט נישט אליין, איינער געבט מיר די כח צום ארבעט, יעדע איינער סיי לפי דרגתו, זיין נקודת האמונה, און סיי לפי די מינוט אויכעט, איעדער מענטש מיט זיין נקודת האמונה, וויפיל מינוט ער האט אין די טאג אזוי פיל קען זיך משנה זיין די דרגת האמונה, ווייל לפי די מקום, זמן, די וואס שטייען ארום איהם, די סביבה, ס'איז מיליאנען פרטים, אבער, דו האסט א כח 'לכם', דו האסט א כח א וועק יעדע מינוט אויף דיין אמונה נישט משנה ווי די שטייסט און באקומען א התחדשות, און דו ווערסט טאקע ניי, דו באנייסט זיך.

## תשובת הצדיקים

ממילא וועט מען פארשטיין וואס דאס הייסט, צדיקים האבן געזאגט זיי האבן תשובה געטוהן אויף די תשובה, וואס האבן זיי דארטן געטוהן, זיי האבן נישט געגלייבט אז די ערשטע תשובה האט תשובה געטוהן, זיי האבן באקומען נאך א נקודת האמונה, נאך א התחדשות, זיי באקומען די נקודת האמונה אז די אייבישטער איז גרעסער געווארן ביי זיי, איז זייער בושה, זייער תשובה איז געווארן גרעסער, אלעס האט זיך געקאכט אין די מקום האמונה, האבן זיי באקומען נאך א נקודת תשובה, נישט זיי האבן נישט געגלייבט אין דאס וואס זיי האבן פריער תשובה געטוהן, אויף די ביטול תורה למשל אז מ'האט נישט אנגענומען די תשובה, אודאי האט מען אנגענומען די תשובה, נאר זיי האבן משיג געווען די פגם אין תורה נאך העכער האבן זיי מער תשובה געטוהן, אלעס איז געווען אין די מקום האמונה, ס'האט זיך אויפגעוועקט גרעסערע אמונה אינעם אייבישטן האבן זיי געהאט גרעסערע השתוקקות, גרעסערע תשובה טוהן צום אייבישטן,

## שמחה ממקום האמונה ובטחון

אבער אלץ איז דאס איז די שורש פון די נקודת ההתחדשות, אז א חסידישע איד האט אלעמאל געלעבט אין א 'פרישקייט', פון ווי האטער דאס גענומען? פון ווי האט ער גענומען די פריילך'קייט? פון די מקום האמונה ובטחון באקומט מען פריילך'קייט, דאס איז די טייטש אז ווען ס'שטייט אין חסידישע ספרים אז מ'דארף אלעמאל זיין 'אויפגעראמט', 'פריילך', 'צאמגענומען', פארשטייסטו אז דאס קומט פון אמונה, דאס הייסט 'החודש הזה לכם', דאס הייסט א התחדשות וואס א איד דארף אלעמאל האבן זיין 'אויפגעראמט', און האבן די כח פון החודש הזה לכם.

ממילא וועט מען אויך פארשטיין, אז אזוי ווי יעדע זאך אז דו פארעסט זיך מיט א שורש פון א בוים, פארעסטו זיך מיטן גאנצן בוים, די שורש פון דעם איד איז די מקום האמונה, ממילא די מינוט וואס א איד טשעפעט זיך צו צו זיין שורש, האט ער א התחדשות אין זיין גאנצע הלוך ילך, זיין גאנצע איד ווערט אויפגעוועקט מכח דעם נקודה ווייל ער פארעט זיך יעצט מיט אמונה, ער איז אליין אין די מקום האמונה, ער וועקט אויף די מקום האמונה, איז האמנתי כי אדבר, וועגן דעם מוז מען קאכן אין דעם.

די אייבישטער זאל אונז העלפן אונז זאלן באמת גליבן אין די נקודת ההתחדשות אלעמאל, און האבן דעם החודש הזה לכם, יעדע מינוט זאל מען געדענקען אז מסורה לכם, ס'איז ביי אונז לכל צרכיכם מיטן גאנצן כח יעדע מינוט גליבן אין די נקודת התחדשות.


טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com

טל': 050-417-0448

**א פרייליכע מעלדונג**

די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:

ארץ ישראל - 02-5368970

ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488

הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1